**OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES**
**45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England (0865) 511869**

פּראָפֿ׳ שלמה בירנבוים
טאָראָנטאָ

דעם 27סטן אָקטאָבער 1985

חשובֿער און טײַערער פּראָפֿ׳ שלמה בירנבוים

איך האָף אַז דאָס בריוול טרעפֿט אײַך געזונט און שטעפֿעריש און אַז אַלצדינג איז בײַ אײַך אין גוטער אָרדענונג.

זײַט זשע מוחל וואָס איך דערגײ אײַך די יאָרן מיט אַזוי פֿיל בריוולעך וועגן אונדזער ערשטן ווינטער־סימפּאָזיום איבער דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע וואָס וועט אי״ה אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 16טן און 17טן דעצעמבער 1985 איבער דער טעמע: <u>די אָנהייבן פֿון ייִדיש.</u>

מיר האָפֿן אַלע אַז ס׳וועט אײַך פֿאָרט מעגלעך זײַן צו קומען. טאָמער ניט אָבער וואָלט דאָס געווען אַ כּבֿוד און אַ פֿרייד פּראָמינענט פֿאָרצולייענען אויפֿן סימפּאָזיום אײַער רעפֿעראַט און עס אָפּגעבן דעם אויבנאָן אינעם באַנד מיט די סימפּאָזיום־אַרבעטן וואָס וועט אַרויס אי״ה אין 1986.

נאָך איין זאַך — צי קענט איר אפֿשר צושיקן אַ קורצע באַגריסונג צו אָט דעם ערשטן אָקספֿאָרדער סימפּאָזיום איבער ייִדישער פֿילאָלאָגיע (וואָס מיט אים הייבט זיך אָן אַ יערלעכע סעריע). אַזאַ באַגריסונג וואָלט באַשײַנט און באַשײַנט דעם צוזאַמענפֿאָר ביז גאָר, ער וואָלט פּראָמינענט פֿאָרגעלייענט געוואָרן בײַם קבלת־פּנים און דערמאָנט געוואָרן בײַם אָנהייב פֿון דער הקדמה צום באַנד. אַ טיף־האַרציקן דאַנק אַפֿריער.

מיט פֿרײַנדשאַפֿט און יראת הכּבֿוד בלײַב איך אײַער

דוד קאַץ